**תמצית הגליון:**
הויפט מאמר
מוסר השכל
צידה לדרך
מעשה רב

# אַ פָּסוּק חוּמָשׁ
## חיזוק פאר די וואך

וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ אֲנִי ה׳

בעזרת השי״ת ▪ אמור תש״פ ▪ גליון עה׳

# ״דו ציילסט ספירה מיט א ברכה אדער אן א ברכה?״

## מצות ספירת העומר לערנט אונז...

דעם אלעמען-באקאנטע שאלה הערט מען יעדע׳ס יאר ביים ספירה ציילן, ווען איינער פרעגט דעם צווייטן, ״זאגט נאר... **דו ציילסט מיט א ברכה אדער אן א ברכה?**״ און ליידער מאכט זיך עטליכע מאל, ווען דער חבר דארף ענטפערן פארשעמטערהייט... ״ניין... פונקט נעכטן...״

יא! נאר איין מאל פארגעסן און מען קען שוין מער נישט ציילן מיט א ברכה. וויפיל מאל האבן מיר מחליט געווען בהחלטה גמורה באלד ביים אנהייב פון ספירה- יא! די יאר גייט זיין דער יאר... איך צייל מיט א ברכה ביז סוף ספירה! און מיטאמאל- פארגעסן... עודך! מען קען שוין מער נישט ציילן מיט א ברכה... ״**וואס טוה איך נישט ריכטיג?**״

ווען מיר וועלן גוט אדורך לערנען דער עומק ההלכה וביאורו, וועט אנטפלעקט ווערן גאר א נייער בילד... דאס איז נישט נאר אן הלכה, נאר א מוסר השכל און א הדרכה, **וויאזוי א איד דארף צוגיין צו א מצוה....**

### לאמיר לערנען א פסוק חומש, און באקומען חיזוק פאר די וואך....

**אריינפיר:** זיצנדיג ביי א ניחום אבילים, (באחד מהחסידים שנפטרו ל״ע במחלה הנוראה קאראנ״א), דערציילט איינע פון די מנחמים פאר די אבילים, וז״ל: ״וואס זאל איך אייך דערציילן, דער מגפה האט נישט געשוינט קיין משפחות. אויך ביי מיין טאטע ע״ה, האט דער מלאך המות באזיכט פאר צוויי וואכן צוריק...״

און דער יונגערמאן דערציילט, ״איך בין נאך אלץ אונטערן רושם פון די ווערטער וואס איך האב געהערט פון מיין טאטן איידער זיין פטירה! מיין טאטע איז געווען אין שפיטאל, אבער נאך א שטיק צייט וואס דער מצב האט זיך פארבעסערט, איז ער אהיים געקומען. זייענדיג אינדערהיים, האט זיך דער מצב פארערגערט און ער איז געווארן שוואכער און שוואכער...

זעענדיג זיין מצב, האט איך שנעל גערופן רופן הצלה... אבער מיין טאטע זאגט מיר, ״**ניין! איך בין נאך נישט גרייט! איך דארף נאך דאווענען מעריב. איך דארף נאך ענדיגן מעביר סדרה זיין**...״ איר הערט די ווערטער? דער טאטע איז נאך נישט גרייט! ער דארף נאך צוענדיגן עטליכע מצות, בו בזמן וואס זיינע כוחות לאזן זיך אים אויס!״

**לאמיר זיך מתבונן זיין:** פון וואו נעמט א איד אזעלכע כוחות?! ער קען נאך נישט גיין ווייל ער דארף נאך צוענדיגן עטליכע מצות!

די וואכנדיגע פרשה לערנט אונז[א]...

**וּסְפַרְתֶּם לָכֶם מִמָּחֳרַת הַשַּׁבָּת מִיּוֹם הֲבִיאֲכֶם אֶת עֹמֶר הַתְּנוּפָה שֶׁבַע שַׁבָּתוֹת תְּמִימֹת תִּהְיֶינָה. עַד מִמָּחֳרַת הַשַּׁבָּת הַשְּׁבִיעִת תִּסְפְּרוּ חֲמִשִּׁים יוֹם...** (ויקרא כג׳, טו-טז)

די תורה באפעלט אונז מיט א מצות עשה צו ציילן ניין און פערציג טעג פונעם טאג וואס מען ברענגט די עומר (דהיינו, פונעם צווייטן טאג פסח). זיבן גאנצע וואכן זאל מען אזוי ציילן טאג נאך טאג, קודם דער טאג און דערנאך די וואך. (כגון: היום שבעה ועשרים יום שהם שלשה שבועות וששה ימים לעומר.) **וּסְפַרְתֶּם ״לָכֶם״**, דער מצוה פון ציילן איז א חיוב אויף יעדן יחיד באזונדער.[ב]

**תְּמִימֹת תִּהְיֶינָה...** טייטשט דער בה״ג: דו דארפסט געדענקן צו ציילן יעדן איינציגן טאג פון די ניין און פערציג טעג. אויב מען פארגעסט א טאג, פעלט פון דער תמימות! דערפאר, זאגט דער בה״ג: ״שאם הפסיק יום אחד **שוב אינו סופר, דבעינן תמימות וליכא**... ״

והיינו: לדעת הבה״ג, דארף ספירה ציילן זיין רצוף. אויב פעלט א גאנצע טאג פונעם חשבון, ווערט דער חשבון בטל און מען דארף שוין מער נישט ציילן! (עי׳ ספר חינוך מצוה שו׳ ויש שאמרו...)

---

א לעילוי נשמת הרה״ח ר׳ **אהרן הערש בן ר׳ יהושע** קליינמאן ז״ל

ב אנדערש פון דער מצות ספירה פון יובל און שמיטה, וואס דער מצוה איז נאר אויף בי״ד אליין. ששם נאמר וְסָפַרְתָּ ״**לְךָ**״ שֶׁבַע שַׁבְּתֹת שָׁנִים... עי׳ בהמשך הפרשה (ויקרא כה׳ ח)

פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון קענט איר זיך פערבונדען מיטן עורך:
torah10952@gmail.com

אבער רוב ראשונים קריגן זיך אויף דעם טייטש פון תמימות[ג] און האלטן נישט אז איין טאג איז מעכב דער אנדערע טאג, און אפילו ווען מען האט יא פארפעלט א גאנצע טאג, קען מען נאך אלץ ווייטער ציילן מיט א ברכה. (עי' תוס' מנחות סו. ד"ה זכר למקדש- וברא"ש פסחים פ"י סי' מא).

קומט דער מחבר[ד] און איז מכריע **לענין ספירה להחמיר, ולענין ברכה להקל:** והיינו, אין יעדן פאל, דארף מען ווייטער ציילן אבער נישט אין יעדע פאל, קען מען מאכן א ברכה.

דערפאר, אויב האט ער פארגעסן נאר ביינאכט, **יספר ביום בלא ברכה**[ה], און דער קומענדיגע נעכט איז ער שוין ממשיך ציילן מיט א ברכה. אבער אויב ער האט פארגעסן אויך בייטאג, **סופר בשאר ימים בלא ברכה**, ציילט ער שוין אלע איבריגע טעג אן קיין ברכה[ו]...

ומה"ט, איז דער מנהג אין עטליכע מקומות אז דער ש"ץ פון שחרית ציילט הויך יעדן טאג נאך שחרית, וויפיל טעג אין ספירה איז היינט און דער עולם זאגט נאך, כדי אויב איינער האט פארגעסן א נאכט פריער צו ציילן, זאל ער נאך קענען ציילן די קומענדיגע נאכט מיט א ברכה. (כף החיים ס"ק פ')

~

**וּסְפַרְתֶּם "לָכֶם", מצוה על כל אחד ואחד**, מען דארף געדענקן צו ציילן יעדן איינציגן טאג. אויב פארגעסט מען איין טאג, ציילט מען שוין מער נישט מיט א ברכה, **און דאס איז א געוואלדיגע אחריות וואס ליגט אויף יעדע מענטש...**

דער חיד"א איז מוסף און שרייבט פחד'יגע ווערטער (מורה באצבע סי' רי"ז): מען זאל זיין געווארנט און מאכן סימנים צו געדענקן און נישט פארגעסן צו ציילן ספירה ביינאכט. דאפשר שישכח גם ביום ולא יוכל עוד לספור בברכה, "**און אויב מען קען שוין מער נישט מאכן א ברכה, ביטול מצות עשה, און למפרע, ווערן אלע ברכות פון אלע פארגאנגענע נעכט ברכות לבטלות**"...

קען דאך א מענטש קלערן, "אויב אזוי...

## אפשר זאל איך בכלל נישט אנהייבן ציילן מיט א ברכה? איך ווייס קלאהר אז איך גיי פארגעסן כאטש איין מאל!"

דהיינו, אפשר איז גאר בעסער אין מיין מצב וואס איך ווייס כמעט ברור כדרכי בקודש מדי שנה בשנה אז איך גיי פארגעסן, אז איך זאל בכלל נישט אנהייבן ציילן מיט א ברכה, ווייל אויב איך גיי פארגעסן איינמאל, לפי דברי החיד"א וועט דאך דעמאלטס ווערן אלע די ברכות לבטלה!![ז]

**ומהאי טעמא:** זאגן די פוסקים[ח]: (בנוסף צו אנדערע טעמים) אז פרויען וואס ציילן ספירה זאלן לכתחילה נישט ציילן מיט א ברכה, ווייל עס וועט זיכער זיין איין טאג וואס זיי וועלן מאכן א טעות...

קומט אבער דער שו"ת בצל החכמה[ט] און זאגט מיט א זיכערקייט: ניין! אין די פוסקים זעהט מען קלאהר אז להלכה נעמט מען נישט אן אזוי און אפי' איינער פארגעסט איינמאל צו ציילן, ווערט נאכנישט אלע זיינע ברכות למפרע לבטלה צוליב דעם... (עיי"ש באריכות)

דערפאר, **על כן אנשים הטרודים ואינם מתפללים עם מנין, אם כי שכיח לגביהם שישכחו לספור עכ"פ פעם אחת במ"ט ימי הספירה.** אעפ"כ' זאלן זיי לכתחילה יו"ט **יא** אנהייבן ציילן מיט א ברכה ווייל עס איז זייער פליכט צו אנהייבן ציילן! און יעדן טאג וואס מען כאפט אריין, איז זייער רווח. כאטש זאל מען האבן געציילט מיט א ברכה אין יו"ט און חוה"מ און די פאר טעג נאך יו"ט וואס ער דאווענט נאך יא געהעריג מיט א מנין.

איי, מען גייט דאך זיכער פארגעסן... יא יא, דערפאר ליגט אויף זיי דעם אחריות צו מאכן סימנים ווי ווייט מעגליך כדי צו העלפן געדענקן. די עצות קענען זיין אנשטעלן א זייגער וואס זאל קלינגן בערך די צייט וואס מען קומט אן אין שטוב, באשטעלן איינער וואס זאל רופן דערמאנען, אדער מאכן אנדערע סימנים שאי אפשר שלא להזכר על ידם שעליו לספור.

און אויב מיט דעם אלעס, האט זיך געמאכט אז מען האט נאך אלץ פארגעסן, הערשט דעמאלטס קען מען זיין רואיג אז די פריערדיגע ברכות זענען נישט געווען לבטלה, ווייל מען האט פרובירט!

**און דער שו"ת בצל החכמה פירט אויס:** אפי' דער חיד"א שרייבט יא אזוי, מיינט ער נאר מעורר צו זיין דער מענטש אז מען זאל טוהן פעולות און זיך מאכן סימנים נישט צו פארגעסן, אבער אודאי נישט צו זאגן אז צוליב דער חשש שכחה זאל מען לכתחילה בכלל נישט אנהייבן ציילן מיט א ברכה...

~

לפי"ז, פארענטפערט דער בצל החכמה די פאלגנדע שאלה...

## קען א חולה (שנוטה למות) ציילן מיט א ברכה?

שטעלט אייך פאר: א איד ליגט נעבעך קראנק אין בעט. פלוצלינג, האט זיך דער מצב פארערגערט, עד כדי כך אז די דאקטורים געבן אויף און מען געבט אים נישט מער ווי א קורצע צייט צו לעבן. זיין דעת איז אים אבער זייער קלאר און דער איד וויל דאווענען... ער שטעלט זיך דאווענען מעריב, אבער ספירה האט ער פארגעסן צו ציילן!

---

[ג] ועי' ברש"י עה"ת שמפ' תמימות באופ"א, וכמש"א שם במנחות "תמימות תהיינה" - מלמד שמתחיל ומונה מבערב שאם לא כן אינן תמימות,

[ד] או"ח סי' תפ"ט סעיף ז' ח'

[ה] לחוש גם לדעת הר"ת שהחמיר בענין זה על שיטת הבה"ג, וס"ל דאין ספירה אלא בלילה, וכשמברך ביום הוא לבטלה. מיהו מכאן ולהבא סופר בכל לילה בברכה. (משנ"ב תפ"ט ס"ק לג)

[ו] **סופר בשאר ימים:** כדעת הרבה פוסקים דאין ספירת הימי מעכבין זה את זה, וכל יומא ויומא מצוה פבנ"ע היא. **בלא ברכה:** לחוש למאן דאמר (דהיינו שיטת הבה"ג) דספירת שבע שבתות תמימות בענין והא ליכא, דהא חסר חד יומא.

[ז] עי' בספר משנת יעקב סי' תפ"ט ד"ה הייתי, **שהורה כן להלכה**, וכ' לאנשים הטרודים ואינם מתפללים עם מנין ושכיח שעכ"פ פע"א במ"ט יום ישכחו מלספור, הי' רגיל לומר שאל יספרו בברכה...- הובא בשו"ת בצל החכמה סי' מה')

[ח] עי' שולחן שלמה או"ח סי' תפ"ט סעיף ג', ועי' עוד במשנ"ב ס"ק ג'

[ט] שו"ת בצל החכמה מהרב ר' בצלאל שטערן ז"ל, חלק ה' סי' מה'.

**שטעלט זיך די שאלה:** איז כדי וראוי אים צו דערמאנענ צו ציילן ספירה, אדער אפשר איז טאקע בעסער אז מען זאל אים נישט דערמאנען, כדי ער זאל טאקע נישט ציילן ווייטער מיט א ברכה? וויבאלד עס איז נאך פארבליבן אסאך טעג ביז שבועות און לפי דעת הרופאים, וועט דער חולה ליידער נישט דערלעבן, איז פארוואס זאל ער יעצט ציילן ווייטער מיט א ברכה, ווען אפשר וועלן די אלע ברכות שפעטער ווערן ברכות לבטלות לפי"ד החיד"א הנ"ל??

לפי"ד הנ"ל, איז אודאי נישט אזוי. דער איד זאל ערליך מאכן א ברכה, אריינכאפן יעדע נאכט וואס ער קען, ואף גם לדעת החיד"א, מוטב שיברך. ווי מיר האבן פריער געשריבן, ווען דער מענטש טוט דער בעסטע וואס ער קען און ציילט כל מה שהי' ביכולתו לספור, איז דאס א גוטע ציילונג וואס ווערט קיינמאל נישט בטול.

דייקא נאר ביי אזא איינער וואס האט פשוט פארגעסן, איינער וואס ביי אים קען מען זאגן אז ער וואלט געקענט ציילן און ער האט נישט געציילט, **ביטול מצות עשה והוי ברכותיו למפרע לבטלה**, אבער נישט ביי די וואס פרובירן און ציילן די מערסטע וואס זיי קענען... (עיי"ש באריכות)

דער בצל החכמה איז מסיים דער תשובה... **א"כ מכש"כ שיברך ויספור ויזכה בכך לקיים עוד מצוה לזכות את נשמתו לפני מותו...**

~

**היוצא לנו מכל זה:** יעדער קען ציילן מיט א ברכה און דארף ציילן מיט א ברכה. דער חיוב ליגט אויף יעדע מענטש צו אנהייבן ציילן ספירה מיט א ברכה, דער ארבעט איז נאר אויף אונז צו פרובירן מיט אלע אמתלאות, זוכן א מנין קבוע, און באופן וואס ער קען נישט, זאל ער מאכן כל מיני סימנים און דערמאנונגען נישט צו פארגעסן. אויב דו וועסט דאס מאכן פאר איינע פון דיינע גאר וויכטיגע זאכן, וועסטו בעזהשי"ת נישט פארגעסן...

## משל למה הדבר דומה...

שטעלט אייך פאר אז איינער דארף זיין ערגעץ זייער פרי... זונטאג אינדערפרי 7:00 אזייגער פארט ארויס זיין פליגער קיין א"י. אבער מוצאי שבת, מיט די גרויסע הכנות פון זיך פאקן און גרייטן, זעהט ער פלוצלינג אז עס איז שוין צוויי אזייגער פארטאגס. זיין קאפ שווינדלט און ער וויל זיך אביסל אנלאנען. **וואס וועט ער טוהן איידער ער לייגט זיך?**

עס איז נישט קיין ספק אז ער וועט זיך נישט לייגן גלייכגילטיג איידער ער וועט זיכער מאכן אז ער גייט חלילה נישט פארשלאפן. ער וועט אנשטעלן צוויי זייגערס און דער טעלעפאן אויך. ער וועט אנזאגן פאר יעדן אין שטוב אז אויב איינער וועקט זיך אויף, זאל מען זיכער מאכן אז ער איז אויף... ער וויל חלילה נישט פארפאסן די פליגער...

פארוואס? ווייל די זאך איז אים זייער וויכטיג! און ווען עפעס איז זייער וויכטיג פאר א מענטש, מאכט מען זיכער אויף אלע אופנים נישט צו פארגעסן.

## האט דאס שוין אמאל פאסירט צו אייך?

- דער זמן פון מעריב קומט אן און מען געבט זיך א כאפ, "אוי! איך האב פארגעסן צו דאווענען מנחה." אדער... "איך האב פארגעסן צו לייגן ר"ת תפילין..."
- מען איז שוין לאנג אוועק פון טיש און מען געבט זיך א כאפ, "אוי... איך האב פארגעסן צו בענטשן..."
- מען געבט זיך א כאפ אויף פון שלאף... און דער זמן ק"ש איז פאריבער...

**ווען די אלע מצות וועלן זיין זייער וויכטיג פאר אונז, וועט מען שוין מאכן זיכער אויף אלע אופנים נישט צו פארגעסן...**

דערציילט א אינגערמאן: אין די יעצטיגע טעג וואס די מנינים געפונען זיך מיט די שכנים אין חצירות, איז אויסגעקומען אז דער מנין נעבן מיין שטוב שטעלט זיך דאווענען מנחה פארן שקיעה און גלייך נאכן שקיעה, דאווענט מען מעריב כדי נישט צו דארפן נאכאמאל צאמשלעפן דעם עולם. אבער למעשה, קומט נישט אויס צו קענען ציילן ספירה ביים זמן און איך דארף אליין געדענקן צו ציילן שפעטער.

וואס טו איך? איך האב זיך געמאכט א סימן אז איך דריי איבער מיין האנט זייגער מיט פנים אראפ ביז איך צייל. אזוי, ווען איך קוק אויפן זייגער, דערמאן איך זיך "איך דארף נאך ציילן"!

אן אנדערע דערציילט: איך זעץ זיך נישט עסן נאכטמאל, ביז איך צייל ספירה!

**אונזערע הייליגע חכמים לערנען אונז אין עטליכע משניות: א מענטש דארף אינזין האבן פון פאראויס, ווי נאר דער זמן קומט אן, נישט צו פארגעסן מקיים צו זיין דער מצוה.**

כגון לא ישב אדם לפני הספר, לא יכנס אדם למרחץ... ולא לאכול ולא לדין וכדומה סמוך למנחה, עד שיתפלל (שבת א, ב). פארוואס? ווייל איך האב מורא אז ער גייט פארגעסן.

אזוי אויך, געפונען מיר אין די פוסקים אז איינער וואס האט נישט קיין מנין קבוע, זאל זיך נישט זעצן עסן איידער ער דאווענט מעריב. און אויב יא, דארף ער שטעלן א שומר...

דו דארפסט מאכן זיכער נישט צו פארגעסן. איידער דו דאווענסט, פארשפיל זיך נישט מיט עפעס וואס קען זיך אריינצוען ווייל מען וועט זייער גרינג פארפאסן דעם מנין, ולפעמים גם התפילה עצמו.

**והסר שטן מלפנינו ומאחרינו:** קען מען טייטשן אויף אין אונזער אופן- נעם אוועק די שטערונגען פון פאר מעריב: כדי מען זאל נישט צוקומען צו פארגעסן צו דאווענען. אזוי אויך, נעם אוועק די שטערונגען פון נאך מעריב: כדי מען זאל נישט פארגעסן צו ציילן ספירה.

וע"ז נאמר: **מעוות לא יוכל לתקון** - ווי די גמרא זאגט (חגיגה דף ט:): **זה שביטל קרית שמע של שחרית או קריאת שמע של ערבית, או שביטל תפלה של שחרית או תפלה של ערבית...**

ווען די מצות ווערן האבן ביי אונז א גרעסערע חשובת ולא יעשה אותם כמצות אנשים מלומדם, וועט מען נישט פארגעסן אזוי שנעל. אדרבא, מען וועט שטיין אוןווארטן "ווען קען מען שוין מקיים זיין דער מצוה!" ווי דער הייליגער בארדישובער איז געזעצן און געווארט א גאנצע נאכט מקיים צו זיין דער מצוה פון לולב, און ווי נאר דער זון האט אויפגעשיינט, האט ער א כאפ געטוהן דעם לולב דורכ'ן גלאז פונעם ספרים שאפע מגודל אהבה און אנגעהויבן שאקלען...

## א ברכה מאכט מען נישט, אבער ציילן ציילט מען נאך!

**עס איז וויכטיג צו באטאנען:** אפי' אין א פאל ווען מען קען שוין נישט ציילן מיט ברכה, איז אבער וויכטיג צו געדענקן אז מען איז נאך אלץ מחייב צו ציילן ספירה. (ווייל נאר די ברכה מאכט מען נישט צוליב ספק ברכות להקל וואס מען איז חושש לשיטת הבה"ג. אבל מעיקר הלכה לגבי ציילן אליין, נעמען מיר אן ווי רוב ראשונים וואס האלטן אז **כל יום מצוה בפנ"ע הוא. און מען איז ווייטער מחויב בספירה...**)

על כן, אפי' מען ציילט שוין נישט מיט א ברכה, זאל מען יוצא זיין מיט די ברכה פונעם ש"ץ, אדער זאל מען בעטן א חבר זאל דיר מוצא זיין. צייל ווייטער מיט א געשמאק, דו ביסט מקיים א מצות עשה פון ציילן!

**ומחמת חשש זה:** זענען געווען אזעלכע פון די תלמידי בעש"ט[1] וואס האבן זיך געפירט יא ווייטער צו ציילן מיט א ברכה אפי' ווען מען האט פארגעסן א טאג. כמבואר בספר שערים מציינים בהלכה (סי' ק"כ סק"ז), והטעם: דייקא אמאל בדורות הראשונים, זענען זיי געווען זייער נזהר און מחשיב געווען דער מצוה פון ספה"ע. פאר זיי, האט מען געקענט זאגן צו ציילן ווייטער מיט א ברכה ווייל זיי האבן ווייטער מדקדק געווען צו ציילן יעדן טאג.
**משא"כ, בדורות האחרונים, אם יורו לספור בלי ברכה, חושב לעצמו שאינו מקיים המצוה ואינו מדקדק לספור ואפי' בלא ברכה.** דערפאר, האבן די תלמידי הבעש"ט געהאלטן אז כהיום איז בעסער אז מען זאל ציילן ווייטער מיט א ברכה, ועי"ז וועט מען ווייטער מקיים זיין די מצוה ווי איידער נישט מאכן א ברכה און אויפהערן ציילן... (ואי"ד כולן שוה בזה)

דער מצוה פון ספירת העומר דינט ווי א בנין אב פאר אלע מצות, אונז צו לערנען זהירות בתורה ומצות. און דאס איז אונזער הכנה פאר קבלת התורה, זיך לערנען ווי אזוי צו מקיים זיין די מצות. "**שבע שבתות תמימות תהיינה**", איך פארפאס נישט קיין איין טאג, איך מאכן סימנים און טוה פעולות נישט צו צוקומען צו פארגעסן, ווייל דער מצוה איז זייער וויכטיג פאר מיר, און א מצוה וואס איך פארפאס, איז א חסרון שלא יכול להימנות.

## מוסר השכל

א איד וואס לעבט כסדר מיט אן עול תורה ומצות און האט זיך צוגעוואונט צו דאגה'נען פאר א מצוה, ער וועט קיינמאל נישט פארגעסן פון זיי. און ער איז דער וואס זאגט לפני מותו... "**איך בין נאך נישט גרייט! איך דארף נאך דאווענען מעריב, איך דארף נאך ענדיגן מעביר סדרה זיין...** ווייל אויך יעצט דאגה'ט ער צוצוענדיגן זיינע מצות, איידער זיינע כוחות לאזן זיך אויס און ער וועט זיי שוין מער נישט קענען מקיים זיין...

## וואס פאסירט ווען א רב פארגעסט צו ציילן?

עס איז אינטרעסאנט צו באמערקן, הגם רובם ככולם פסק'נען מיר ווי דער בה"ג, **שכח לברך באחד מהימים... סופר בשאר ימים בלא ברכה**, איז אבער דא אופנים וואס בדיעבד בצירוף מיט נאך א סברא קען מען זיך פארלאזן אויף די פוסקים וואס זאגן אז מען קען יא ווייטער ציילן מיט א ברכה...

כגון: ווען דער מענטש איז מסופק, ער געדענקט נישט קלאהר אויב ער האט יא געציילט ספירה אדער נישט, זאגט דער מחבר: (סעיף ח') יספר בשאר ימים בברכה, און ווי דער משנ"ב איז דארט מסביר: דאיכא ספק ספיקא, שמא לא דלג כלל, ואת"ל שדלג, שמא הלכה כאותן פוסקים דכל יום הוא מצוה בפנ"א.

אזוי אויך, **ווען דער רב פון שוהל האט פארגעסן צו ציילן איין טאג**, וואס ער איז דער וואס ציילט געווענדליך ספירה פארן עמוד, און אויב ער וועט נישט ציילן מיט א ברכה, וועט אים זיין א בזיון און א זולזול בכבוד התורה. זאגט דער שבט הלוי: **במקום הדחק כזה אפשר לסמוך על דעת הראשונים בסי' תפ"ט דכל יום מצוה בפנ"ע ויספר שאר ימים בברכה...** (שו"ת שבט הלוי ח"ג סי' צו אות א')

(ומצאתי כ' מא' המלקטים ושאלתי את הגאון המחבר, מה יהא הדין במי שמחוייב לעבור לפני התיבה בכל יום כאבל בתוך י"א חודש, האם גם בזה יש להתיר? והשיב לי דיתכן שגם בזה יש להתיר, אפי' שכזה אין כבוד התורה יש כאן כבוד הבריות. וכ"ה בפסקי תשובות סי' תפ"ט)

## הערות פון די לייגער

עס איז כדי צו באמערקן, אויב מען איז מדייק אין די ווערטער פונעם הפרי חדש (שהבאתם בגליון אח"ק) "**דמה בכך שפסקו למות, הרי לא נשאר מהם אפילו אחד, ומה טיבה של שמחה זו?**" נאר די שמחה איז געווען, **לפי שביום זה הסמיך ר"ע את חמשת תלמידיו...**

קומט לכאורה אויס, אז דער זעלבע טאג וואס דער לעצטע תלמיד איז געשטארבן, בו ביום האט ר"ע שוין מסמיך געווען די פרישע פינף תלמידים, נישט לאזנדיג דער וועלט אן קיין הרבצת התורה אפי' פאר איין טאג.

ישר כחכם י"פ

העיר לנו תלמוד חכם אחד אויף דאס וואס מיר האבן געשריבן **שלא נהגו כבוד זה לזה** און מיר האבן מסביר געווען **שלא היה מכבדים כבוד התורה של חבירו.** וואס איז געווען דער שורש פון דער מדה? וויאזוי האט זיך דאס אנגעהויבן?

**והסביר הענין:** אז מען לערנט די סוגיא זעט מען אז "קנאה" איז געווען די שורש, **וביאור הענין שכל אחד רצה להיות יותר מחבירו, ועל כן כשלמדו ועסקו בתורה לא הגיד אחד לחבירו את חידושיו...**

דאס שטימט זייער גוט מיט די ווערטער פונעם בן יהודיע וואס ער זאגט אז רבי עקיבא איז געווען א חכם גדול. ער האט פארשטאנען ברוח קדשו אז צווישן זיינע תלמידים **גייט פאר גרויסע קנאה,** וואס וועט צוברענגן **אז צום סוף וועלן זיי נישט מכבד זיין איינעם דעם צווייטן.**

אזוי אויך, איז דער עצה פון מאכן "זוגות" זייער א גוטע, **שעל כן עשו זוגות גדול וקטן**, אזוי וועט דער למדן בעל כרחך מוזן אויסלערנען זיינע חידושים פארן קלענערן.

וזהו מה שאמר ר' עקיבא לתלמידיו החדשים, "**בניי, הראשונים לא מתו אלא שהיתה עיניהם צרה אלו לאלו**, ולא אמר שלא נהגו כבוד, כי זה היה השורש.

אזוי אויך, שטימט דאס זייער גוט מיט דאס וואס דער כף החיים שרייבט: **וכל זה שעושין זכר, כדי להתרחק המשנאה והקנאה והתאוה והגאוה והכבוד, ולקנות מדת אהבה והענוה והשלום**, ולכן כ' בשער הכוונות (דף א' ע"ג) **להזהיר מאוד בענין אהבת חבירים העוסקים בתורה ביחד,** עיי"ש.

אאמו"ר שליט"א

[1] עי' בספר אוצר החיים להרה"ק מקמארנא זי"ע (פרשת אמור מצוה ש"ז), שהצדיקים תלמידי הבעש"ט זי"ע, הנהיגו לספור בברכה אף בדילוג יום אחד, כדעת רב האי גאון והרבה ראשונים דעימיה.



פאר סיי וועלכע הערות בנוגע דעם גליון קענט איר זיך פערבונדען מיטן עורך:
torah10952@gmail.com